**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול פארזיכערט גרויסע דיזעסטער דערקלערונג פאר פארניכטיגונג פאראורזאכט דורך די איבערבלייבענישן פון הוריקעין בעריל אויף יולי 10 &11**

***דערקלערונג שטעלט צו פינאנצירונג צו שטיצן אינפראסטרוקטור פארריכטונגען אין קארטלענד, עסעקס, העמילטאן, לואיס, און סט. לאורענס קאונטיס***

***ניו יארק האט אויך געגעבן צוטריט צו FEMA'ס האזארד מילדערונג גרענט פראגראם צו שטיצן לאנג-טערמיניגע מאסנאמען צו פארמינערן פארלוסט פון לעבן און באשיצן פראפערטי***

***בויט אויף גאווארנער האקול'ס פארפליכטיגונג פון 11 מיליאן דאלאר צו שטיצן היים אייגנטומערס און מוניסיפאליטיס באטראפן דורך שווערע וועטער צווישן יולי 10 און יולי 16***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז פרעזידענטביידען האט צוגעשטימט צו איר ביטע פאר א גרויסע דיזעסטער דערקלערונג צוצושטעלן פעדעראלע שטיצע צו געמיינדעס באטראפן דורך שווערע וועטער שטאמענדיג פון די איבערבלייבענישן פון הוריקעין בעריל אויף יולי 10 און 11. די דערקלערונג ערלויבט פאר פעדעראלע פינאנציעלע פינאנצירונג צו שטיצן פובליק אינפראסטרוקטור פארריכטונג אנשטרענגונגען אין קארטלענד, עסעקס, העמילטאן, לואיס, און סט. לאורענס קאונטיס.

"די ווירקונגען פון הוריקעין בעריל האבן פאראורזאכט עקסרעמע שאדן דורכאויס אפסטעיט ניו יארק די חודש, און איך בין דאנקבאר אז פרעזידענט ביידען האט באשטעטיגט מיין ביטע פאר א גרויסע דיזעסטער דעקלאראציע," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע וועט ארבעטן דירעקט מיט FEMA אין די בעפארשטייענדע וואכן צו פארזיכערן אז אונזערע שותפים אין לאקאלע רעגירונג באקומען די קריטישע געלטער וואס זיי דארפן צו קענען אנהויבן דעם ערהוילונג און איבערבויאונג פראצעדור."

א גרויסע דיזעסטער דערקלערונג פארזיכערט פינאנציעלע הילף פון די פעדעראלע רעגירונג, ספעציעל דורך FEMA'ס פאבליק הילף פראגראם, צו צושטעלן פאנדינג פאר לאקאלע רעגירונגען, שבטים און בארעכטיגטע נאן-פראפיטס פאר ברוכווארג רייניגונג, באשיצנדע מאסנאמען, און פאריכטונגען צו געביידעס און אינפראסטרוקטור, ארייגערעכנט שאסייען, בריקן, וואסער און אפפאל באהאנדלונג אנשטאלטן, קריטישע אינפראסטרוקטור ערטער, שולעס, שפיל פלעצער און אנדערע אנשטאלטן.

אלס טייל פון די דערקלערונג, איז ניו יארק אויך געגעבן געווארן צוטריט צו FEMA'ס האזארד מילדערונג גרענט פראגראמען. נאכפאלגענדיג א פרעזידענטליכע קאטאסטראפע דעקלעראציע, שטעלט FEMA צו געלטער פאר סטעיטס צו אדמיניסטרירן גרענט פראגראמען צו שטיצן לאקאלע געפאר מינדערונג פלאנירונג און לאנג-טערמיגע געפאר מינדערונג מאסנאמען צו פארמינערן די פארלוסט פון לעבן און צו פארבעסערן פראפערטי געשעדיגט דורך נאטירליכע קאטאסטראפעס. לאקאלע גאווערמענטס און

געוויסע נאָן-פּראָפיטס וואס פירן דורך אזוי-ווי-גאווערמענט פונקציעס זענען בארעכטיגט זיך איינצושרייבן פאר די גרענטס. אלע קאונטיס אין די סטעיט וועלן האבן די מעגליכקייט זיך איינצוגעבן פאר די פונדינג. מער אינפארמאציע וועט ווערן אוועילעבלאין די פאלגנדע מאנאטן.

איידער די שטורעם, האט גאווערנער האקול [אנגעוויזן ](#)שטאטישע אגענטורן צו צוגרייטן עמערדזשענסי רעאקציע מאסנאמען און בלייבן אין שטענדיגע פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען צו אבאכטן וועטער ווירקונגען און ענטפערן געבעטן פאר הילף. נאך די שטורעמס, האט גאווארנער האקול [געמאלדן](#) ביז 11 מיליאן דאלאר אין עמערדזשענסי הילף פאר בארעכטיגטע היימאייגנטומערס און מוניסיפילאטיס אין זיבן קאונטיס וואס זענען באטראפן געווארן דורך א רייע פון שווערע וועטער אינצידענטן פון יולי 10 ביז יולי 16.

**סענאט מעידשאריטי לידער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די היסטארישע רעגן און שווערע שטורעמס וואס האט באפאלן געמיינדעס אין די נארט קאונטרי און דורכאויס אפסטעיט ניו יארק אויף יולי 10 האט געפירט צו פארפלייצונגען וואס האבן פאראורזאכט מיליאנען אין ווייטפארשפרייטע שאדן צו אונזער פובליק אינפראסטרוקטור. די גרויסע דיזעסטער דעקלאראציע וועט אויפשליסן קריטישע פעדעראלע ריסאורסעס פאר לואיס, סט. לאווערענס, קארטלאנד, עסעקס און האמילטאן קאונטיס אנצופאנגען די וועג צו ערהוילונג פון די פארניכטנדע שטורעמס. איך דאנק פרעזידענטביידען פון טיפן הארץ פארן צוהערן צו מיינע רופן צו געבן פעדעראלע שטיצע צו געמיינדעס דורכאויס ניו יארק וואס זענען באטראפן געווארן פון די היסטארישע פארפלייצונג, און איך וועל ווייטער קעמפן צוצושטעלן די פעדעראלע הילף וואס אפסטעיט ניו יארק געמיינדעס דארפן זיך צוריקאויפצובויען און זיך ערהוילן."

**סענאטאר קירסטען גיליבראנד האט געזאגט,** "די גרויסע דיזעסטער דערקלערונג וועט העלפן ברענגען באלדיגע פעדעראלע הילף צו געמיינדעס דורכאויס צענטראל ניו יארק און די נארט קאונטרי וואס זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אין יולי. איך דאנק פרעזידענט ביידען פארן שנעל באשטעטיגן גאווארנער האקול'ס ביטע פאר די גרויסע דיזעסטער דערקלערונג, און איך וועל ווייטער קעמפן צו פארזיכערן די פעדעראלע הילף וואס באטראפענע איינוואוינער דארפן זיך צוריק צו קענען אויפבויען."

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן-, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, רעאגירן צו-, זיך ערהוילן פון- און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע קענט איר אונז טרעפן אויף [Facebook](#), אונז פאַלאָװען אויף [Twitter](#) אדער [Instagram](#), אדער באזוכט אונזער [וועבזייטל](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשיימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)